UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Zeykher Leoylem:  Ester Malke Levitan, e”h, Sh’Y Toybes, Heri Rotblat, Harav Shloyme Dovid Rafalin, z”l (In Memorium:  Esther Malka Levitan, RIP, S.I. Toybes, Harry Rothblat, Rabbi Solomon David Rafalin, RIP)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8p35z4np

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

Publication Date
1979

Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ווייניקסטע ראַנגלענישן און קאָנפליקטן, איז ער געבליבן גאַנץ, מיט אַ פּראַגמאַטישן צוגאַנג צו אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער זעט שטענדיק די פּאָזיטיווע זייט.

2) אַחריות: פאַראַנטוואָרטלעכקייט; אָן אומר ועושה, אַ דיסציפּלינירטער, מאַנאַגענדיק פון זיך און מאָנענדיק פון אַנדערע.

3) אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייט: אַ געזונטע גראַדע לאָגיק מיט אַ פאַרשטענדעניש ווי אַזוי צוציען מענטשן, אויף זיי ווירקן און זיי אַקטיוויזירן.

4) אידעאַליזם באַגלייט מיט פּראַקטישקייט: ניט דערלאָזנדיק אַז אייגנס זאָל איינשלינגען דאָס צווייטע. ער פאַרשטייט ווען צו גלויבן און ווען צו צווייפלען. ווי אַ גלויביקער איז ער אָבער קיין מאָל ניט מבטל פאַקטן. אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט קומט אָפּט אויס צו באַגעגענען זיך מיטן גוטן און שלעכטן פון דער וועלט, און דאָס גוטע ווערט אויך אָפּט שווער, אָבער מ'שלעפּט דעם וואָגן.

אויב איר ווילט איז דאָס אַ שטיקל קאַהאַניזם.

5) אַן אָפענע האַנט וואָס מאַכט זיך קיין מאָל ניט צו, לויטן ביאַלער נוסח — מיט אַ שם דאָ און אויך ישראל — פאַר אַלע הצטרכותן איינשליסנדיק קולטור.

איז אוודאי קאַהאַנס איבערגעגעבנקייט צו כלל־אַרבעט און באַזונדערס צו זיין באַוועגונג און יידישער קולטור, אַ ברכה פאַר לאַס אַנדזשעלעס. ער איז אַן אַדרעס דאָ אין שטאָט און מיר זיינען שטאָלץ מיט אים. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז די אַלע אַקטיוויטעטן אין וועלכע קאַהאַן איז אַנגאַזשירט, איז אויך אַ ברכה פאַר אים. לויט אהד העמס זאָג וועגן שבת, האָט קאַהאַנס געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אויפגעטאָן אַ סך פאַר אים אַליין.

וויל געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז אַ שול; ס'פאָרמירט כאַראַקטער; לערנט מידות און טאָלעראַנץ צו קענען מיטאַרבעטן מיט אַלערליי מענטשן; ס'לערנט דיסציפּלין; איבערהויפּט וואָס מ'איז פאַראַנקערט, פאַרוואָרצלט אפילו ווען מ'דאַרף גיין אַקעגן שטראָם — מ'בלייבט גאַנץ. די פעולה פון דעם אַלעמען זעט מען אויף קאַהאַנען.

וויל איך זיך פאַראייניקן מיט דער גרויסער צאָל חברים און פריינד, ווינטשנדיק אים אינאיינעם מיט זיין ליבער רעי (וואָס קען זיין אַ טעמע פאַר זיך — איבערהויפּט געזונט און נאָך לאַנגע שעפעריזשע יאָרן מיט נחת און פרייד אין זייער אַרבעט!"

צו וועלכן מיר זאָגן אָמן.

---

# לזכר עולם

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" דריקט אויס מיטגעפיל צו אונדזערע גוטע חברים און פריינד, מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל

## שרה און שמחה ליינער

אויף דער פטירה פון דעם באַוווסטן רב הכולל פון מעקסיקאָ, שרהס ברודער,

## הרב שלמה דוד ראַפּאַלין ז"ל

דער יישוב פון מעקסיקאָ האָט פאַרלוירן איינעם פון זיינע בויער און גרינדער פון ישיבות און בתי מדרשים.

מיר זיינען זיך משתתף מיט אייער צער. געפינט אַ טרייסט אין זיינע מעשים טובים וועלכע מ'וועט אייביק געדענקען.

**פאַרוואַלטונג**

נאָך אַ לענגערער קראַנקייט איז דעם 19טן מערץ אַוועק פון דער וועלט איינער פון די אַלטע פיאָנערן און בויער פון היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן

## הערי ראַטבלאַט ע"ה

ער איז פאַר אַ סך יאָרן געווען אַקטיוו אין אַרב. רינג, אין דער הסתדרות און אין דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג. כבוד זיין אָנדענק.

**רעד. און פאַרוואַלטונג**

---

מיט צער און טיפן ווייטאָג דערמאָן איך דעם 4טן יאָרצייט פון מיין ליבן און אומפאַרגעסלעכן מאַן, דיכטער און עסייאיסט

## יעקב שמואל טויבעס ע"ה

כבוד זיין אָנדענק.

**די פרוי גיטל טויבעס**

# לזכר עולם

**מיר זיינען פול מיט צער און טרויער אויפן פריצייטיקן טויט פון אונדזער באַליבטער און אומפאַרגעסלעכער**

## אסתר מלכה לעוויטאַן ע״ה

**געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס יום ג׳ בשבט, תשל״ט, יאַנואַר 31, 1979. זי האָט פאַראַבלט איר מאַן הערי (הערש יוסף), זייערע צוויי זין, טאָכטער, אייניקלעך, אוראייניקלעך און א שוועסטער אין לאָס אַנדזשעלעס, שיקאַגאָ און ישראל. יהיה זכרה ברוך.**

דער אומפאַרמיידלעכער טויט האָט איר גרויזאַם אַרויסגעריסן פון איר גרויסן משפחה און געזעלשאַפטלעכן קרייז ווען זי איז נאָך געווען פול מיט ענטוזיאַזם און ווילן, ווי איר שטייגער איז געווען, צו העלפן נויט־באַדערפטיקע מענטשן און אינסטיטוציעס. אויפן קראַנקן־בעט אין אירע לעצטע טעג און נעכט האָט זי נאָך אין זיבען געהאַט צו באַזאָרגן מיט אַ חלק ירושה אירע באַליבטע אינסטיטוציעס, ווי די פּיאָנערן פרויען, דעם בן־גוריון צווייג פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, דעם יידישן קולטור־קלוב און אונדזער זשורנאַל „חשבון״. אומעטום איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן, אים צו לענגערע יאָר, געווען חשובע מיטגלידער.

סיי דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס סיי נאָך אין שיקאַגאָ, וווּ זיי האָבן דערצויגן זייערע קינדער אין יידישן גייסט, האָבן די לעוויטאַנס גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין קולטור־לעבן ווי אין די אַרבעטער רינג שולן און שפּעטער אין דעם דאַלניק צענטער, אפילו אין די שווערע צייטן פון אַמאָל, נאָך אין די פריע גרינע יאָרן. און ווען זיי האָבן אין 1970 איבערגעוואַנדערט קיין ל. א. האָבן זיי מיט פריד פאַרגעזעצט זייער אַרבעט.

געקומען קיין אַמעריקע זיינען זיי ביידע באַזונדער פון זעלבן שטעטל גאָוראָווע, לאָמזער גובערניע, פוילן, ביידע נאָך זייער יונג — ער קיין ניו־יאָרק און זי צו אירע עלטערן אין שיקאַגאָ. בייטאָג געאַרבעט, ווי דער שטייגער איז געווען, אין שאַפּ, כדי אַרויסצוהעלפן טאַטע־מאַמע און אין אָוונט זיך געלערנט ענגליש. שפּעטער, אין 1917, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט און געדאַרפט אויפשטעלן אַ נייעם דור איז פאַר זיי קיין זאַך נישט געווען צו שווער צו דערציען זייערע אויפוואַקסנדיקע קינדער אין זעלבן היימישן גייסט פון יידישקייט ווי טאַטע־מאַמע. וואָרעם געקומען איז זי, פונקט ווי איר מאַן הערי, פון אַ היים ווו כיבוד אב ואם, דרך ארץ פאַר לערנער און די מידה פון צדקה זיינען געווען נישט נאָר מצוות נאָר דער פּשוטער שטייגער פון יידישן לעבן. אויך דאָס לשון, דאָס ריידן יידיש איז געווען דער נאַטירלעכער שטייגער. האָט מען שוין דאָ אין נייען לאַנד אויך אָנגעהויבן פון צייט צו צייט צו קויפן אַ יידיש בוך, אַ זשורנאַל און אויך אַ יידישע צייטונג. זי האָט אין האַרצן געהאַט אַ טיפע ליבשאַפט צום יידישן בוך.

אסתר מלכה ע״ה האָט זיך שטענדיק געפירט ווי אַ מענטש פון פאָלק און קיין מאָל נישט געזוכט קיין כבוד. האָט זי דעריבער געהאַט די זכיה, וואָס נישט נאָר איר אייגענע משפחה מיט די אייניקלעך נאָר אויך דער גרויסער קרייז פון אירע פריינד זיינען געקומען צו דער לוויה איר אָפּצוגעבן דעם פאַרדינטן לעצטן כבוד.

יהיה זכרה ברוך.

ז. ש.